STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03462

ANI MAYMEN

Aaron Joel Zacusky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאר די רעדאקציע
"מארגען זשורנאל"

א. י. זאַקוסקי

אַני מאַמין

בוענאָס איירעס

1935

A. J. ZACUSKY
ANI MAAMIN
(CREDO)
versos

BUENOS AIRES, 1935

Copyright by A. J. Zacusky
Buenos Aires, 1935.

Printed in Argentine

Talleres Gráficos "Cultura"
de Muszkat y Zaslavsky — Sarmiento 2157, *Bs. Aires*

פאַרזייט אין מיר עס זענען אַלע זוימען,
וואָס זענען אַזוי אייגן אונדזער דור:
מיר זענען לאַנג אַוועק שוין פון די טרוימען,
נאָר נישט דערגאַן דערווייל נאָך צו דער וואָר.

דאָס, מער־ווייניקער, איז אונדזער וועג.
דער גייט שטורמיש, ברויזט, אַ צווייטער — אַרטיק.
נאָר אין נעכט טרוימט יעדער נייע טעג,
און אויך סוף־שעה פול איז מיט דערוואַרטונג.

*   *

אני מאמין

איך גלויב און שטרעב און האָף,
דאָס מינדסטע איז מיר ליב:
פון פליענדיקן עוף
ביז ימיקן פאַליפ.

אַ שרץ איז אַ יש,
ווי ס'איז אַ יש דער ביק;
און קוואַקען פון די פרעש
איז ליב מיר, ווי מוזיק.

פון פירות כ'טרינק דעם זאַפט,
ווי אַראָמאַט פון בלום;
און כ'ווייס, אַז אַלץ האָט האַפט
ווי פון אַ פליג דער זשום.

אָט איז דער זין פון אַלץ.
פון דעם־אָ ווינקל קוק —

*   *

געפינסטו שוין דאָס זאַלץ,
און ברויט וועט זיין גענוג.

און וואָס דו ווילסט — דערגרייך,
און וואָס איז דאָ אָן סוף, —
אפילו זון אין הייך;
נאָר — גלויב און שטרעב און האָף...

אָט־אַזוי־אָ

אָט־אַזוי־אָ ווי דו זעסט,
אָט־אַזוי־אָ בין איך; —
דאָרט וואו שלעכטס דו זעען ווּעסט,
דאָרטן גוטס געפין איך.

כאָטש חלומות כ׳האָב נישט ליב,
דאָך גאַנץ אָפט איך חלום;
און מאַכט עפּעס ווען מיך טריב —
גיב אויך ד ע ם איך שלום.

אויב עס זענען בערג פאַראַן —
זענען דאָ אויך טאָלן;
ווייסט געווים פון פרוי און מאַן,
היינטן און — אַמאָלן...

ווּעסט פאַרשטיין עס מן הסתם:
נישט אומזיסט געגעבן
איז צו יעדן וואָרט אַ גראַם, —
ווייל וואָס דען איז לעבן?..

ווי גוט מיר איז, ווי וואויל

ווי גוט מיר איז, ווי וואויל ס׳איז מיר, אַז בעסער
קען אויף דער וועלט שוין, דוכט זיך, קיינעם גאָרניט זיין:
מיט טרויער כ׳בין פאַרמאַכט אויף זיבן שלעסער
און לאָז נישט מינדסטע פיצל פרייד צו מיר אַריין...

איר קענט נאָך טראַכטן ווער־ווייס־וואָס, פאַרשטייט זיך —
איז וועל איך פשוט זאָגן אייך, וואָס ס׳איז געשען:
איך האָב מיט טרויער היינט אַזוי דערפרייט זיך,
ווייל: וואָלט נישט טרויער זיין—וואָלט פרייד דאָך ניט געווען...

דו ביסט אַנטוישט?
נו, נו, נישקשה, —
באַלד ווערסט באַרוישט:
אַ טרייסט איז דאָ שוין.

און נישט בלויז טרייסט,
נאָר נייעם האָפן; —
וואוהין דו גייסט
איז ליכט פאַרלאָפן.

און זון, און זון,
און גרינס און תכלת;
און פיל דערפון —
כאַטש נעם און טייל עס.

פון נאָנט און ווייט
שטראָמט גאָלד-תכשיטין;

ס'איז ערב־צייט
אין דופט פון בליטן.

ס'איז ערב דעם,
וואָס אַנסט שוין יאָרן.
דו הערסט? — פאַרנעם,
וואָס ווערט געבאָרן!

און צי צו ניים,
צו נישט דערקענטן;
צום הימל ריים
זיך צום צעברענטן.

מ י ר

מיר זענען יונגע נאָך — און אַלטע שוין אינגאַנצן,
מיר זענען אַלטע שוין, נאָר קענען יונג נאָך זיין;
דו זעסט: דער טאָג — ווי ניי, ווי פריש אין זון זיין גלאַנצן,
כאָטש אַלט שוין זענען טעג מיט זייער שיין.

אויך וועלט איז אַלט — שוין פון קדמונים שטייט זי —
און אַלץ אויף איר איז אַלט, באַנאַל און גראָ;
נאָר עפעס איז דאָך ניי: די וועלט — זי דרייט זיך, —
טאָ וואָס-זשע איז צו ריידן דען נאָך דאָ?

ג י י !

נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן לאַנג,
זיך פרעגן: יאָ, צי ניין! —
ס'דאַרף גאַנצער דיין געדאַנקענגאַנג
צו איינס געווענדט זיין: — גיין!

נאָר גיין און זיך נישט וואונדערן
אויף שיינקייט, צי אויף פּיין:
האָסט ציל די וועלט צו לינדערן —
גיי אומבייטן דאָס ז י י ן!

*　　　　　　אַני מאַמין　　　　　　*

פון ספקדיקן נעכטן כ׳בין אַנטלאָפן
און בין אַרוים אויף שליאַכן פריי און ברייט; —
איז זאָג איך, קעגנקומער מיינע, אָפן:
איך האָב זיי פיינט אַזוי אייערע שטאָפן,
אין וועלכע איר האָט אַלע זיך פאַרקליידט.

די קליידער אייערע האָבן פאַרב־עשירות,
וואָס זענען אַזוי אָנגענעם מיין אויג, —
נאָר זאָגט מיר, ליבע, וויפל איז דער שיעור עס
צו שטיין פאַר געץ געצויגן גלייך, ווי ווירעס,
און ווען מען דאַרף — זיך טון פאַר אים אַ בויג?...

איך האָב נישט ליב די ענגע דלד־אמות,
וואָס זאָלן צאַמען מיר מיין יעדן שפאַן; —
גענוג זיך נאָכגעשלעפּט נאָך פאַרטעך מאַמעס —
איך האָס וואָס דאָגמיש איז און איך פאַרדאַם עס;
אַז מען איז פריי — איז דאַרף מען דאָך עס זיין!

*　　　　　　דרייצן　　　　　　*

יעדערער פון אונדז האָט זיך זיין ווײ,
יעדערער פון אונדז האָט זיך זיין אומעט —
איינער בענקט נאָך דעם, וואָס איז געווען,
איינער בענקט נאָך דעם, וואָס ניט געקומען.

איינער טיף אין זיך די פּיין דערשטיקט,
ס׳ווילט אַ צווייטן זיך די לייד פאַרטאַיען —
קוקט דורך טרויער זי אַרויס פון בליק;
ס׳פּרואווט אַן אַנדערער זי גאָר פאַרשרייען...

נאָר אַוואָסער ווײ ס׳איז נישט און ווי,
וואָס־פאַר מין אויף איר ס׳איז וועמעס קוקן —
איז עס זי דאָך, וואָס טוט אונדז אַ ברי
און גיט צו אין אַלעם אונדז אַ תּיקון.

...דאָס, מער־ווייניקער, איז אונדזער וועג:
דער גייט שטורמיש, ברויזט, אַ צווייטער — אַרטיק,
נאָר אין נעכט טרוימט יעדער נייע טעג —
און אויך סוף־שעה פול איז מיט דערוואַרטונג...

SUM

ס'איז אַזאַ מין זאַג פאַראַנען:
«amo, ergo sum»
— שיפן, באַנען,
עראָפּלאַנען
פירן אומעטום?...

פאָרט מען זוכן (דאָס דאָך קלאָר איז)
אויגן שוואַרץ, צי בלאָ:
— אויף כפרות
גוטס און צרות —
ליב איך — בין איך דאָ!..

אַ טריאָלעט וועגן אַ באַנאַלער זאַך:
לעבן —

ווער קאָן דען וויסן, וואָס ס׳וועט מאָרגן זיין?
מען ווייס נאָר איינס: דער סוף איז — טויט;
נאָר אויף ביז דעמאָלט דאַרף מען ברויט, —
ווער קאָן דען וויסן, וואָס ס׳וועט מאָרגן זיין?
דערווייל האָב ליב דאָס ליד, דאָס ווייב, דעם וויין,
נישט טראַכט פון שלעכטס און גראָער נויט —
ווייל ווער קאָן וויסן, וואָס ס׳וועט מאָרגן זיין,
חוץ וואָס מען ווייס, אַז סוף איז טויט?..

MEMENTO

די פרוכט פון אונדזער לעבן זענען קינדער,
זיי זענען אויך דער ציל פון אונדזער זיין;
דאָס איבעריקע אַלץ — אַ שפּיל פון בלינדע:
קאַמף — אידייעפּיקס — פאַר פלייש און ווייז.

אַלץ טראָגט אין זיך דעם תוך פון עבר-צייטן,
דער גורל פון פאָרוים פאַרזיגלט רוט, —
נאָר דער געדאַי-דראַנג שטרעמט אונדז זאָל פאַרבייטן
פלייש פון אונדזער פלייש און בלוט פון בלוט.

עס איז אונדז ליב דאָס שפּיל פון קאַץ און מייזל,
עס איז אונדז נאָנט דאָס בלעקען פון דעם קאַלב;
און וואו ס׳קומט עפּעס פאָר — מיר ווילן בייזייך,
און נישט צעריסן זיין קיינמאָל אויף האַלב.

דער זינגט זיין גליק אין אָדעס, פעסט-וויוואַטן,
דעמס אומגליק שרייט דורך לאָזונג, זודיק, רוי, —

נאָר יעדן גלייך איז גוט, אויב ער איז טאַטע,
און ס׳שמעקט מיט ערד און דופטן פון בענזאָי.

נאָר אין אַ טאָג סיי־ווי וועסט אַלץ פאַרלאָזן,
שוין מער נישט זען פאַרנאַכט דעם הימל־ראַנד —
טאָ טרעט דערווייל אויף גרינעם פליוש פון גראָזן,
און קוק זיך צו צום שנייץ פון עלעפאַנט.

צו איינעם אַ יונגן ייד

אַ חן, אַן עכטער יידישער,
זיך בלייכט אויף דיין געשטאַלט —
וואָס איז זיך דאָ צו חידושן,
וואָס ביסט אי יונג אי אַלט?

אַ טיפער טרויער, אייביקער,
אין דיינע אויגן רוט; —
מאַכסט גלויביק אונדז, אומגלויביקע,
און טיילסט אויסדויער, מוט...

EN AVANT

פאָרויס! גיי אַלע פייערן אַנטקעגן!
דאָס שלעכטס אין וועג — פאַרדאַרב, דאָס גוטע — נעם!
ביסט האַר, ביסט פּרינץ, און דאַרפסט נישט קיינעם פרעגן,
אויב פרעגן — איז ביי דיר, ווייל דו ביסט שם.

אַ שאָד, וואָס דו באַנוגנסט זיך מיט ווייניק,
ווען אוצרות זענען דאָ אַזויפיל גרייט —
איז דאָך דער רוף פון צייט מע זאָל זיין איינִיק
צו פאָדערן, וואָס ס'קומט דעם, וואָס פאַרגרייט.

דער נביא פאַר זיין דור איז נישט קיין נביא,
ער איז עס אויך נישט קיינמאָל פאַר זיין לאַנד; —
דערפאַר אין בין־השמשותן לילאָווע
געוואוין זיך זען דעם סנה־צעברענטן בראַנד.

דער בראַנד איז עס דער קאָמפּאַס און די באַרקע,
וואָס פירט אַ נייעם קאָלומב ציל־באַוואוסט.

* ## אני מאמין *

צו לענדער צו עקזאָטישע, וואו שטאַרקער
איז דאָס געדרענג פון לעבנס-פולם און לוסט.

אַהין איז עס, וואוהין די וועגן פירן,
פון דאָרט איז עס, פון וואַנען ס׳קומט דאָס ליכט;
און אויב נישט איצט, נאָר סוף-כל-סוף דערשפירן
וועט יעדערער דעם מיין און טאָן זיין פליכט.

לערן אַלעמען פון קינדוויייז זיין געלאַסן,
אָן ליידנשאַפט נעם אויף אַלץ, רואיק, קאַלט,
מעגסט ליבן בריאיק, שרפהדיק מעגסט האַסן —
נאָר ווייס: ס׳איז דאָ פאַרראַט, אַנטוישונג, גוואַלט.

דאָס וואוילזיין אַלעמענס — איז ציל פון אַלע:
דאָס איז שוין פון קדמונים אונדזער אַרב, —
און תמיד וועלן זיין זיי, די וואַנדאַלן,
און אייביק די מאַרטירער; דאַרף מען — שטאַרב.

דעם חוזקער לאָז אָפּלאַכן און שפּאָטן —
ער קאָן דאָך נישט וואָס אַנדערש טאָן צומאָל,

* ## איין און צוואַנציק *

און ס׳בלייבט פון אים אַלציינס קיין שריד־פּליט,
און דו — דו ביסט מבשר און פּראָל.

טאָ גיי־זשע אַלע שטרויכלונגען אַנטקעגן,
דאָס שלעכטס אין וועג — פאַרדאַרב, דאָס גוטע — נעם!
ביסט האַר, ביסט פּרינץ, און דאַרפסט נישט קיינעם פרעגן,
אויב פרעגן — איז ביי דיר, ווייל דו ביסט שם.

זוכצעטל

מאָטאָס — — — — — — — — — זייט 3
אַני מאַמין — — — — — — — — „ 5
אָט־אַזוי־אָ — — — — — — — — „ 7
ווי גוט מיר איז — — — — — — — „ 8
דו ביסט אַנטוישט? — — — — — „ 9
מיר זענען יונגע נאָך — — — — — „ 11
גיי! — — — — — — — — — — „ 12
פון ספּקדיקן נעכטן — — — — — „ 13
יעדערער פון אונדז — — — — — „ 14
Sum — — — — — — — — „ 15
אַ טריאָלעט וועגן אַ באַנאַלער זאַך — „ 16
Memento — — — — — — — „ 17
צו איינעם אַ יונגן ייד — — — — „ 19
En avant — — — — — — — „ 20

דאָסדאָזיקע ביכל האָט מען פאַר־
ענדיקט דרוקן מיטוואָך, דעם דריי
און צוואָנציקסטן ט.אָ.ג פון
חודש יאַנואַר פון יאָר טוי־
זנט ניין הונדערט פינף
און דרייסיק, אין דער
דרוקעריי „קולטור"
פון מושקאַט און
זאַסלאַווסקי, ב.
איירעס.